אויף תיכף ארויסצוגעבן: 11/6/2024 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער HOCHUL (האקול) און אטורני גענעראל JAMES (דזשעימס) זאגן צו אפצוהיטן די פונדאמענטאלע פרייהייטן פון אלע ניו יארקער אזוויי אויסגעוועלטע-פרעזידענט TRUMP (טראמפ) גרייט זיך ארייננצוגיין אין אפיס

***נייע עמפייער סטעיט פרייהייט איניציאטיוו טוט אפשאצן פאליסי ריזיקעס און אנטוויקלט סטראטעגיעס אפצוהיטן ניו יארקער***

***ניו יארקער האבן גענומען שריט אפצוהיטן צוטריט צו אבארשן דורך ארייננשטעלן רעפראדוקטיוו פרייהייטן אין די סטעיט קאנסטיטוציע***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און אטורני גענעראל Letitia James (לעטישע דזשעימס) האבן היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער איבער די אנגייענדע ארבעט אפצוהיטן די פונדאמענטאלע פרייהייטן פון ניו יארקער און צוגרייטונג פאר אויסגעוועלטע-פרעזידענט Donald Trump's (דאנאלד טראמפ'ס) צווייטע טרמין. גאווערנער Hochul (האקול) און אטורני גענעראל James (דזשעימס) האבן געמאלדן א פארשטערקטע צוזאמארבעט, ארייננגערעכנט נייע איבערגעגעבענע שטאב, צו אדרעסירן פאטענציאלע פעדעראלע לעגאלע דראונגען צו רעפראדוקטיוו פרייהייט, גאן זיכערהייט געזעצן און אנדערע הויפט פראבלעמען. גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך געמאלדן די נייע עמפייער סטעיט פרייהייט (Empire State Freedom) איניציאטיוו, וואס איז געהאלטן געווארן איידער די וואל טאג און האט שוין אנגעהויבן אנטוויקלען פולשטענדיגע פלענער צו אדרעסירן סיי וועלכע פאליסי און רוגולאציע דראונגען וואס קענען קומען פון א Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע. די גאווערנער האט אויך ארויסגעברענגט אז ניו יארק האט שוין גענומען שריט אפצוהיטן צוטריט צו פארזיכערטע און לאגאלע אבארשנ'ס, ארייננרעכנענדיג די נעכטיגע דורכפירונג פון געזעץ 1 וואס שטעלט אריין רעפראדוקטיוו פרייהייטן אין די סטעיט קאנסטיטוציע.

"די זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער זענען מיין העכסטע פריאריטעטן," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "איך בין פארפליכטעט צו ארבעטן מיט סיי ווער אויף פאליסיס וועלכע מאכן אונזער סטעיט שטערקער, מער פארזיכערט און מער וואוינבאר — אבער מיין אדמיניסטראציע וועט אויך זיין גרייט אפצוהיטן ניו יארקער'ס פונדאמענטאלע פרייהייטן פון סיי וועלכע פאטענציאלע דראונגען."

**ניו יארק אטארני גענעראל Letitia James (לעטישע דזשעימס) האט געזאגט,** "אלץ אטורני גענעראל, וועל איך זיך אייביג אנעמען אפצוהיטן ניו יארקער און קאמפן פאר אונזער רעכטן און ווירדן. מיין אפיס האט זיך צוגעגרייט פאר א פאטענציאלע צווייטע Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע, און איך בין גרייט צו טוען אלעס וואס איך קען צו פארזיכערן אז אונזער סטעיט און פאלק גייט נישט אויף צוריק. דורכאויס זיין ערשטע טערמין, האבן מיר זיך אנגענומען פאר די פארשריפט פון געזעץ און פארטיידיגט קעגן מיסברויכן פון קראפט און פעדעראלע באמיאונגען צו שעדיגן ניו יארקער. צוזאמען מיט גאווערנער Hochul (האקול), אונזער צוזאמארבעטער אין סטעיט און לאקאלע רעגירונג און מיין קאלעגע אטורני

גענעראלן פון לענגאויס די לאנד, וועלן מיר ארבעטן יעדע איינציגע טאג צו פארטיידיגן אמעריקאנער, נישט קיין חילוק וואס דער נייע אדמיניסטראציע באווארפט אונז מיט. מיר זענען גרייט צו נאכאמאל באקעמפן."

**פארשטערקערענדיג לעגאלע צוזאמארבעט זיך צו צוגרייטן פאר פעדעראלע לעגאלע דראונגען**
דורכאויס אויסגעוועלטע-פראזידענט Trump's (טראמפ'ס) ערשטע טערמין, האט די סטעיט פון ניו יארק און איר איינוואוינער געווארן געצילט דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע און פעדעראלע אגענטורן, צווינגענדיג די סטעיט צו ריאגירן מיט אפירמאטיווע און באשוצערישע שריט אין געריכט קעגן די פעדעראלע רעגירונג און אגענטורן.

כדי זיך צוצוגרייטן פאר צוקונפטדיגע לעגאלע דראונגען וועלכע קענען האבן א נעגאטיווע ווירקונג וועלן ניו יארקער, סיניאר באאמטער אין די אפיסעס פון גאווערנער Hochul (האקול) און אטורני גענעראל James (דזשעימס) זיך טרעפן רעגלמעסיג צו קאארדינירן לעגאלע שריט, אנטוויקלען ריאגירונגען צו פעדעראלע אגענטור אדמיניסטראטיווע שריט און צושטעלן אנווייזונגען פאר ניו יארקער איינוואוינער, אגענטורן און די פריוואטע סעקטאר אויף הויפט פראבלעמען. דער צוזאמארבעט וועט אויך אריינעמען קאארדינאציע מיט אטורניס ביי סטעיט אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען לענגאויס די סטעיט.

**צוזאמברענגען די עמפייער סטעיט פרייהייט (Empire State Freedom) איניציאטיוו צו אדרעסירן פאליסי און רעגולאציע דראונגען**
גאווערנער Hochul (האקול) האט צוזאמגעברענגט די עמפייער סטעיט פרייהייט ( Empire State Freedom) איניציאטיוו - א טיעם פון עקספערטן אינערהאלב אירע אדמיניסטראציע צו אנטוויקלען סטראטעגיעס פאר אפצוהיטן ניו יארקער פון פארשידנארטיגע פאליסי און רעגולאציע דראונגען וועס קענען קומען פון די אויסגעוועלטע-פרעזידענט Trump (טראמפ). דער טיעם נעמט אריין פארשטייער פון די גאווערנער'ס אפיס פון פעדעראלע אנגעלעגנהייטן (Office of Federal Affairs), די אפיס פון די קאונסעל (Office of the Counsel), די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Department of Homeland Security and Emergency Services) און אנדערע רעלעוואנטע אגענטורן.

דער טעסק פארס פאקוסירט אויף הויפט געגנטער ווי ניו יארק סטעיט און ניו יארקער זענען מערסטע ווארשיינליך צו זיך טרעפן מיט דראונגען פון א (טראמפ) אדמיניסטראציע, אריינגערעכנט ריפראדוקטיוו רעכטן, צעווילע רעכטן, אימעגראציע, גאן זיכערהייט און די ענווייראמענט, צווישן אנדערע פראבלעמען.

די טעסק פארס האט אנטוויקלט א ערשטע אנאליז פון ווארשיינליכע סטאטורי, רעגולאציע און פיסקאלע שוואכקייטן באזירט אויף די קאמענטארן און פאליסיס אנגעצייכנט דורך Trump (טראמפ) און זיינע ראטגעבער. איך וועל יעצט זיין פארפליכטעט מיט אנפירן אקטיווע מיטלען וועלכע ניו יארק סטעיט און אירע אגענטורן קענען נעמען - סיי איידער און אויך נאך טראמפ ווערט איינגעשוואוירן - דורך סטעיט לעגיסלאטור, מאכן געזעצן, באשטימונגען, צוזאמענארבעט מיט ניו יארק'ס קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע און די Biden (ביידן) אדמיניסטראמיע און אנדערע שריט.

**באשיצן צוטריט צו אבארשן אין ניו יארק**
נאכפאלגנדיג באדייטנדע באמיאונגען דורך די גאווערנער און די אטורני גענעראל צו פארזיכערן אז געזעץ 1 ווערט אריינגערעכנט אלץ א ניו יארק סטעיט שטים-צעטל מיטל פאר די 2024 וואלן, האבן נעכטן ניו יארקער אמערסטנס אויסגעוועלט צו באשטעטיגן געזעץ 1, וועלכע שטעלט אריין ריפראדוקטיוו פרייהייטן אין די סטעיט קאנסטיטוציע.

די דורכפירונג פון געזעץ 1 בויעט זיך אויף פריעדיגע שריט דורך די גאווערנער אפצוהיטן די ריפראדוקטיוו רעכטן פון ניו יארקער. די גאווערנער האט אינטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס באשיצונג געזעץ וואס באשיצט דאקטאר׳ס, מעדיקעל פראוויידערס און אנפירער וואס שטעלן צו ריפראדוקטיוו טעלע-העלט סערוויסעס פאר קליענטן פון אינדרויסן פון ניו יארק אן קיין שרעק פון לעגיסלאציע אין סטעיטס ווי אבארשן סערוויסעס זענען נישט געזעצליך אדער באגרעניצט. די גאווערנער האט אויך אינטערגעשריבן א לעגיסלאציע צו ערלויבן ניו יארקער צו באקומען קאנטראסעפשאן גלייך פון א אפטייקער אן די געברויך פון א פרעסקריפשאן.

אין צוגאב, די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט מאכט פולשטענדיג די אבארשן פראוויידער שטימע פאנד (Abortion Provider Support Fund) וועלכע האט צוגעשטעלט 100 מיליאן דאלאר פון סטעיט געלטער צו שטיצן אבארשן פראוויידערס לענגאויס די סטעיט.

אזוי אויך, בלייבט די גאווערנער אן אקטיווע מיטגליד פון די ריפראדוקטיוו פרייהייט אליאנץ (Reproductive Freedom Alliance) - א קאאליציע פון 23 גאווערנערס וואס ארבעטן צוזאמען צו פארטיידיגן און פארברייטערן ריפראדוקטיוו פרייהייט. די אליאנץ וועט ווייטער פארבעסערן די קראפט פון געמיינזאמע שריט צו פארטיידיגן די פונדומענטאלע רעכט צו קערפערליכע זעלבסטשטענדיגקייט און פארזיכערן צוטריט צו וויכטיגע ריפראדוקטיוו קעיר.

**פאראויס ריקן קלימאט צילן און רעדוצירן עמישאנס**
אלץ קא-טשעיר פון די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ (U.S. Climate Alliance), וועט גאווערנער Hochul (האקול) ארבעטן מיט די אליאנץ׳ס צווי-פארטייאישע קאאליציע פון 24 גאווערנערס - פארטרעטנדיג ארום 60 פראצענט פון די לאנד׳ס עקענאמיע - צו ווייטער שטיצן א נעט-זירו צוקונפט דורך פאראויס ריקן סטעיט-געפירטע, הויכע-ווירקונג קלימאט שריט.

ניו יארק סטעיט און די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ וועלן אדרעסירן סיי וועלכע צוקונפטדיגע דראונגען צו קלימאט שריט דורך בלייבן פאקוסירט אויף פאראויס ריקן איר הויפט פאליסי פארפליכטונגען, אריינגערעכנט צילן פון רעדוצירן קאלעקטיווע נעט גרינהויז גאז עמישאנס אין צושטימונג מיט די פאריז אפמאך (Paris Agreement),שטיצנדיג ריינע ענערגיע אריינשטעלונגען, שאפנדיג גוטע דזשאבס און נאכגיין און איבערגעבן הויפט דעטא אויף קלימאט פארשריט.

אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן א זירו-עמישאן עלעקטרישע סעקטאר ביז 2040, אריינרעכנענדיג 70 פראצענט פון באנייבארע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און עקענאמיע-ברייטע קאַרבאן-נייטראלעטעט ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט.

**ווייטער גיין מיט אראפנעמען אומלעגאלע גאנ׳ס פון אונזער געסער**
צו ווייטער גיין מיט ניו יארק׳ס פאלק-פירענדע ארבעאט צו רעדוצירן גאן גוואלדטאטן, און אין צוגרייטונג צו סיי וועלכע דראונג צו גאן זיכערהייט געזעצן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט ווייטער פירן די אינטערסטעיט טעסק פארס אויף אומלעגאלע גאנ׳ס, וועלכע זי האט ערשט צוזאמגענומען אין 2022 און וועלכע האט צוגענומען מער ווי 28,527 אומלעגאלע גאנ׳ס ביז היינט. אונטער דער איניציאטיוו, איז די מארד ראטע געווען די נידריגסטע זייט 1965.

די אינטערסטעיט טעסק פארס נעמט אריין פארשטייער פון ניו יארק סטעיט פאליציי, די ניו יארק פאליציי דעפארטמענט און געזעץ אינפארסירונג באאמטער פון אכט אנדערע סטעיטס. דער איניציאטיוו וועט ווייטער שפילן א קריטישע ראלע אין אפשטעלן די פליס פון אומלעגאלע גאנס לענגאויס סטעיט ליניעס,

בשעת אויך פארזיכערן אינפארמאציע מיטיילונג און מיטארבעטן אויף אויספארשונג סטראטעגיעס צו לעזן גרויסע פארברעכנס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן